אויף תיכף ארויסצוגעבן: 9/28/2023 גאווערנער קעטי האקול

## גאווערנער האקול אנאנסירט 100 מיליאן דאלאר צו באקומען פאר עמיסיע-פרייע סקול באסעס

***ערשטע רונדע פון 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' פינאנצירונג פלאנירט צו פארטיילט ווערן פאר עמיסיע-פרייע סקול באסעס***

***פראצעדור בעפאר אפליקאציעס האט זיך אנגעהויבן פאר באס מעניופעקטשורערס און דילערס***

***פינאנצירונג אפליקאציע תקופה הויבט זיך אן נאוועמבער 29***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז 100 מיליאן דאלאר וועט זיין צו באקומען אריבער די סטעיט פאר עמיסיע-פרייע סקול באסעס אין די ערשטע רונדע פון פינאנצירונג וואס וועט פארטיילט ווערן פאר די באסעס אונטער דעם היסטארישן 4.2 ביליאן דאלארדיגן 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ' ( Clean Water, Clean Air, and Green Jobs Environmental Bond Act) פון 2022. דורכן אויסנוצן די פינאנצירונג, וועלן סקול דיסטריקטס און באס פירמעס אריבער די סטעיט קענען צוביסלעך אויפהערן נוצן באסעס וואס פארן אויף פאַסיל ברענשטאף, פארמינערן עמיסיעס און מאכן עמיסיע-פרייע באסעס מער אפאָרדעבעל. די היינטיגע אנאנס שטיצט די ציהל פון דעם 'קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג געזעץ' ( Climate Leadership and Community Protection Act) צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס מיט 85 פראצענט ביז 2050 און גאווערנער האקול'ס איניציאטיוו פון די 2022 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע וואס פארלאנגט אז אלע נייע סקול באסעס וואס ווערן פארקויפט אין ניו יארק סטעיט זאלן זיין עמיסיע-פריי ביז 2027 און אז אלע סקול באסעס אויפן שאסיי זאלן זיין עמיסיע-פריי ביז 2035.

"די צוזאג פון רעגירונג געלטער און די אנווייזונגען וועלכע זענען היינט פארעפנטליכט געווארן שטעלן אוועק ניו יארק סטעיט'ס סקולס און באס פירמעס אויפן וועג צו אננעמען ריינע טראנספארטאציע און די בענעפיטן וואס דאס וועט ברענגען", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עמיסיע-פרייע באסעס וועלן ווערן א הויכפונקט, נישט בלויז טראנספארטירנדיג סקול קינדער אריבער אונזערע קאמיוניטיס, נאר אויך ווייזנדיג די צוזאג און מעגליכקייט פאר א געזונטערע, ענווייראמענט-פריינטליכערע און קארבאן-נידעריגע צוקונפט פאר אונזערע יונגסטע בירגער."

היינט האט די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority, NYSERDA) פארעפנטליכט די כללים פון דעם פראגראם, אפיציעל אנהויבנדיג די ערשטיגע פראצעדור בעפאר די אפליקאציעס דורך וועלכע באס מעניופעקטשורערס און דילערס קענען אפלייען צו קוואליפיצירט ווערן פאר דעם ניו יארק סקול באס אנרייץ פראגראם (New York School Bus Incentive Program, NYSBIP). די פראגראם כללים וועלן ווייזן די וועג פאר די סך הכל סומע פון די באָנד געזעץ פארטיילונגען פון 500 מיליאן דאלאר פאר עמיסיע-פרייע סקול באסעס און אינפראסטרוקטור. דער אפליקאציע פראצעדור צו באקומען פינאנצירונג

וועט זיך עפענען מיטוואך, נאוועמבער 29, 2023. כדי צו איבערגעבן מער אינפארמאציע איבער די NYSBIP'ס ציהלן, אנווייזונגען, פראצעדור און צייט פלאן, וועט NYSERDA אפהאלטן א וועבינאר אום אקטאבער 11, 2023 12 מיטאג, פאר וועלכע איר קענט זיך רעגיסטרירן דא. פאר ווייטערע נייעס איבער דעם פראגראם, שליסט זיך ביטע אן אין אונזער אימעיל ליסטע.

דער NYSBIP איז א פראגראם אריבער גאנץ ניו יארק סטעיט וואס גיבט אן אנרייץ ביים איינקויפן עמיסיע-פרייע באסעס און אינפראסטרוקטור, גיבנדיג א דיסקאונט פאר בארעכטיגט סקול באס פלאטע פירמעס וועלכע קויפן איין עמיסיע-פרייע באטעריע עלעקטרישע וויהיקלס (battery electric vehicle, BEV) אדער היידראודזשען ברענשטאף צעל עלעקטרישע וויהיקלס (fuel cell electric vehicle, FCEV) סקול באסעס און פארבינדענע טשארדזשינג אינפראסטרוקטור. די דיסקאונטס פאר סקול באסעס וועלן פארטיילט ווערן דירעקט פאר דילערס און מעניופעקטשורערס צו דעקן א חלק אדער די גאנצע אונטערשייד אין די פרייז צווישן עמיסיע-פרייע סקול באסעס און ענליכע דיעזעל אדער גאז-געטריבענע באסעס. טשארדזשינג אינפראסטרוקטור דיסקאונטס וועלן אויך געגעבן ווערן דירעקט פאר די פלאטע אייגנטומער (צי עס איז די סקול דיסטריקט אדער זייער קאנטראקטאר).

דער ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ פארלאנגט אז שוואכערע קאמיוניטיס זאלן באקומען נישט ווייניגער פון 35 פראצענט – מיט א ציהל פון 40 פראצענט – פון די סך הכל בענעפיטן פון באַנד געזעץ געלטער. אין איינקלאנג מיט די ציהל וועט NYSERDA ציהלן צו זיכער מאכן אז צום ווייניגסטנס 40 פראצענט פון די NYSBIP געלטער בענעפיטירן שוואכערע קאמיוניטיס. באסעס וועלכע זענען סטאנציאנירט אין- אדער וועלכע באדינען שוואכערע קאמיוניטיס און/אדער נויטבאדערפטיגע סקול דיסטריקטס וועלן אין באטראכט גענומען ווערן פאר גרעסערע דיסקאונט סומעס.

**NYSERDA פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "דער ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ געלטער שאפן א היסטארישע געלעגנהייט וועלכע ברענגען עמיסיע-פרייע סקול באסעס צו די סאמע פראנט פון ניו יארק סטעיט'ס ריינע-ענערגיע און קלימאט צוקונפט. דאס אריינגעמען די קאמענטארן פון די קאמיוניטי וואס זענען צוריקגעהערט געווארן ביי די ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ באגעגנישן דעם זומער און אזוי אויך דורך די אפענע קאמענטארן תקופה פאר די ערשטיגע נוסח פון די תנאים ווערט יעצט פרוכטבאר מיט די קומענדיגע טריט — ארבעטן בשותפות מיט סקול דיסטריקטס, באס פירמעס און מעניופעקטשורערס צו מאכן באדייטפולע ענדערונגען צו סקול קינדער טראנספארטאציע דורכן ארויפלייגן מער ריינע באסעס אויף אונזערע שאסייען."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג (Department of Environmental Conservation) קאמישאנער, בעזיל סעגאָס, האט געזאגט,** "ניו יארק'ס 'ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באַנד געזעץ' איז א דירעקטע אינוועסטירונג פון אונזער דור אין א געזונטערע צוקונפט פאר די קומענדיגע דור פון ניו יארקער. אזוי ווי גאווערנער האקול זעצט פאר צו לייגן אלס פריאריטעט אז די איינפירונג פון דעם באַנד געזעץ זאל געטוהן ווערן אפענערהייט, קוקט די DEC ארויס צו אונזער אנגייענדע צוזאמענארבעט מיט NYSERDA און מיט אנדערע סטעיט אגענטור שותפים, און מיר אפלאדירן די ערשטע 100 מיליאן דאלאר וועלכע וועלן זיין צו באקומען פאר ריינערע סקול באסעס וועלכע וועלן בענעפיטירן קינדער און קאמיוניטיס אריבער די סטעיט."

**ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס קאמיסיע (Public Service Commission) פארזיצער, רארי מ. קריסטשיען, האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס פעלזן-פעסטע איבערגעגעבנקייט צו שאפן א ריינע-ענערגיע עקאנאמיע. די איבערגעגעבנקייט ווערט ארויסגעוויזן אין אזויפילע וועגן, אריינרעכענענדיג מיט איר שטיצע פאר די אנטוויקלונג און פארברייטערטע באנוץ מיט עלעקטרישע

וויהיקלס. אזעלכע פראגראמען וועלכע זענען געווידמעט צו פארברייטערן די באנוץ מיט עמיסיע-פרייע באסעס וועלן העלפן רעדוצירן לופט עמיסיעס און פארבעסערן די ענווייראמענט פאר אלע ניו יארקער."

**ניו יארק סטעיט עדזשוּקעישען דעפּארטמענט קאמישאנער, בעטי א. ראָוזע, האט געזאגט,** "עמיסיע-פרייע באסעס קענען ברענגען באדייטנדע בענעפיטן פאר אונזערע סקולס און דיסטריקטס אריבער די סטעיט, באזונדערס פאר אונזערע שטאטישע דיסטריקטס, דורכן רעדוצירן פארפעסטיגונג און צושטעלן א ריינערע טראנספארטאציע אפציע פאר סקול קינדער. נאך מיטלען – ווי די וועלכע זענען היינט אנאנסירט געווארן – וועלן זיין קריטיש צו זיכער מאכן אז סקול קאמיוניטיס קענען מאכן די אינוועסטירונגען. אונטער גאווערנער האקול'ס פירערשאפט און אין צוזאמענארבעט מיט אונזערע שותפות'דיגע אגענטורן קענען מיר פארזעצן צו ארבעטן אין ריכטונג פון אהערשטעלן ריינערע, געזונטערע קאמיוניטיס פאר ניו יארק'ס קרוב צו 2.5 מיליאן סקול קינדער."

**סטעיט סענאטאר טימאטי קענעדי האט געזאגט,** "אריבערפירן אונזערע סטעיט'ס סקול באס פלאטעס צו עלעקטריציטעט איז א קריטישע עלעמענט פונעם אויפבויען א גרינערע און מער ענווייראמענטאל-גערעכטע ניו יארק. די אינוועסטירונג וועט באדייטנד ארויסהעלפן דילערס צו אראפנידערן די מעניופעקטשורינג קאסטן און למעשה איינשפארן פאר סקול דיסטריקטס מיליאנען דאלארן — א געווינס אויף אלע פראנטן."

**סטעיט סענאטארשע שעלי מעיער האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו ברענגען ניו יארק סטעיט אויף די סאמע פראנט פון דעם קאמף קעגן קלימאט טויש דורכן אריבערגיין צו נוצן עמיסיע-פרייע סקול באסעס. אין לויף פון די עטליכע פארגאנגענע יאר זענען מיר אריבער קאטאסטראפישע שטורעמעס אלס רעזולטאט פון קלימאט טויש. מיר מוזן פארזעצן צו מאכן באדייטנדע פארשריט מיטן רעדוצירן די מאס פון קארבאן וואס ווערט ארייגעלאזט אין די אטמאספערע, בשעת'ן היטן נישט צו ארייגלייגן סקול דיסטריקטס און קאמיוניטיס אין פינאנציעלע שוועריגקייטן. די געלטער זענען א וויכטיגע טריט פאראויס ביים שטיצן סקול דיסטריקטס ביים מאכן די אריבערגאנג."

**אסעמבלי מיטגלידערין דידי בארעט, פארזיצערין פון די אסעמבלי'ס ענערגיע קאמיטע, האט געזאגט,** "אזוי ווי מיר ארבעטן צו אראפנעמען ניו יארק סטעיט'ס באס פלאטע פון קארבאן, איז דאס גאר וויכטיג אז מיר זאלן גיבן פאר אונזערע סקול דיסטריקטס די מיטלען וואס זיי דארפן צו מאכן די אריבערגאנג אן באלעסטיגן סקול בודזשעטס אדער שטייער-באצאלנדע בירגער. ווען מיר אריבערגעפירט דעם ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ, האבן מיר זיך פארפליכטעט צו רעקארד-הויכע אינוועסטירונגען אין אונזער נייע, גרינע עקאנאמיע, און עס דערפרייידט מיך אז גאווערנער האקול און NYSERDA האבן יעצט צוגעשטעלט די קריטישע פינאנצירונג פאר עמיסיע-פרייע סקול באסעס."

**אסעמבלי מיטגלידערין דעבארע גליק האט געזאגט,** "די נויט צו אוועקגיין פון סקול באסעס וואס נוצן פאַסיל ברענשטאף איז קלאר. די באסעס ווערן גענוצט יעדע סקול טאג פון יעדעס יאר — אויסשטעלנדיג קינדער און געגנטער צו שעדליכע עמיסיעס. סקול באסעס פארן ארום אין אלע חלקים פון די סטעיט צושטעלנדיג א וויכטיגע סערוויס, אבער זיי דארפן דאס טוהן אן שעדיגן די לופט קוואליטעט. איך לויב אויס די גאווערנער פארן אונטערנעמען די וויכטיגע טריט וואס וועט העלפן סקול דיסטריקטס אריבער די סטעיט צוקומען צו די סארטן סקול באסעס וועלכע וועלן מאכן זייערע קאמיוניטיס ריינער."

**אסעמבלי מיטגליד מייקעל בענעדעטאָו האט געזאגט,** "איבערטוישן צו עלעקטרישע סקול באסעס איז גאר וויכטיג. ריינע ענערגיע וועט מיינען א ריינערע פלאנעט. איך אפלאדיר NYSERDA פארן פינאנצירן די וויכטיגע איניציאטיוו."

**ניו יארק סטעיט באס דיסטריביוּטערס אסאָוסיעישען פרעזידענט, ראבערט רייקענבאַק, האט**

**גרעזאגט,** "מיר לויבן אויס גאווערנער האקול און די לעגיסלאטור פאר זייער פירערשאפט צו זיכער מאכן אז די נויטיגע סטעיט געלטער זענען דא צו באקומען צו ארויסהעלפן סקול דיסטריקטס אזוי ווי זיי הויבן אן אריבערפירן זייערע סקול באס פלאטעס צו זיין פולשטענדיג עלעקטריש. מיר ארבעטן טעגליך מיט אונזערע סקול דיסטריקט און פריוואטע סקול טראנספארטאציע שותפים גיבנדיג זיי די הדרכה, באסעס און שטיצע וואס זיי וועלן דארפן צו נאכקומען ניו יארק'ס פולשטענדיג-עלעקטרישע סקול באס פאדערונג. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט זיי און מיט די גאווערנער'ס מאנשאפט אזוי ווי מיר העלפן ערזעצן די איבער 47,000 טראדיציאנאלע סקול באסעס וועלכע פארן ארום אין ניו יארק סטעיט."

**אסיסטענט סופּעראינטענדענט פאר ביזנעס פון געיטס טשילי צענטראלע סקול דיסטריקט אין ראטשעסטער, NY, דר. מיטשעל באל, האט געזאגט,** "א דאנק אזעלכע געלטער וואס ווערן צוגעשטעלט פאר ריינע אינציאטיוון, איז געיטס טשילי געשטאנען אין שפיץ פונעם קאף און איז געווען די ערשטע דיסטריקט אין אפּסטעיט ניו יארק צו צולייגן עלעקטרישע סקול באסעס צו איר פלאטע. מיר נעמען שטאלצערהייט אן אויף זיך די אריבערגאנג צו עמיסיע-פרייע באסעס וועלכע לייגן צו ווערט פאר אונזערע פאמיליעס און נעמען שריט צו אדרעסירן די ווירקונג וואס מיר האבן אויף די ענווייראמענט."

די NYSBIP בארעכטיגונג תנאים זענען אפן געווען פאר די פובליק צו לאזן קאמענטארן דערויף ביז סעפטעמבער 1, 2023. די כללים וועלכע זענען היינט פארעפנטליכט געווארן שפיגלען אפ די פובליק קאמענטארן וועלכע זענען ערהאלטן געווארן. ארבעטן צוזאמען מיט די פובליק איז א הויפט עלעמענט פון דאס איינפירן דעם באַנד געזעץ. א [פראיעקט געדאנקען סורוועי זעצט פאר צו זיין אפן ביז דעם שבת, סעפטעמבער 30,](#) צו אויסהערן געדאנקען איבער די סטעיט'ס עקזיסטירנדע פינאנצירונג שיטות און צו העלפן לאקאלע רעגירונגען, קאמיוניטי-באזירטע ארגאניזאציעס און אנדערע ניו יארקער צו מיטטיילן געדאנקען פאר פאטענציאלע פראיעקטן און צו צוריקהערן קאמענטארן איבער וועלכע סארטן פראיעקטן קאמיוניטיס וואלטן געוואלט זעהן געשטיצט ווערן מיט באַנד געזעץ קוועלער. פאר מער אינפארמאציע, גייט צו [www.ny.gov/BondAct](http://www.ny.gov/BondAct). נאך געלעגנהייטן וועלן געמאכט ווערן פאר די פובליק צו איבערלאזן קאמענטארן איבער די כללים פון עקזיסטירנדע אדער נייע פראגראמען צו פארטיילן די געלטער.

די אריבערגאנג צו עמיסיע-פרייע סקול באסעס העלפט שאפן א געזונטערע סביבה פאר סקול קינדער און פאר קאמיוניטיס דורכן רעדוצירן פארפעסטיגונג און עמיסיעס. די באדייטנדע מאסן פון פארפעסטיגנדע כעמיקאלן וועלכע ווערן ארויסגעשפיגן פון דיעזעל- און גאז-געטריבענע סקול באסעס ביישטייערן צו א שלעכטע לופט קוואליטעט דורכן פראדוצירן דינע שטויב (particulate matter, PM), קארבאן מאנאקסייד (carbon monoxide, CO) און נייטראדזשען אַקסייד (nitrogen oxide, NOx) וועלכע קענען צוריק אריינגיין אינעווייניג אין די חלל פון די באס נאך זיי ווערן ארויסגעלאזט און בלייבן דארט, פארערגערנדיג כראנישע געזונטהייט פראבלעמען, אריינרעכענענדיג אסטמא אדער קאגניטיווע באגרעניצונגען.

אן ארבעטס גרופע באשטייענדיג פון מערערע סטעיט אגענטורן האבן לעצטנס פארענדיגט א סטעיט-ברייטע 'אויסהערן טור' וואס איז דורכגעפירט געווארן פאר די צוועק פון אנדייטן אויף די באדערפענישן פאר ענווייראמענטאלע פינאנצירונג אריבער די סטעיט און צו אנטוויקלען טעכנישע עלעמענטן פאר פראגראמען, אריינרעכענענדיג בארעכטיגונג תנאים פאר וויאזוי פראיעקטן וועלן אויסגעוועהלט ווערן און דורכגעפירט ווערן, דורך אן אפענע און צוזאמענארבעטנדע פראצעדור.

גאווערנער האקול האט לעצטנס אנאנסירט די [ניו יארק סטעיט עלעקטרישע סקול באס פלענער (New York State Electric School Bus Roadmap)](#) און די [עלעקטרישע סקול באס אנווייזונג ביכל (Electric School Bus Guidebook)](#) צו העלפן ניו יארקע סקולס פון פרי-סקול ביז 12'טע קלאס אריבערפירן זייערע באס פלאטעס צו זיין עמיסיע-פריי. די מיטלען שטעלן צו פאר סקול דיסטריקטס און באס פירמעס די טעכנישע הילף וואס איז נויטיג צו ארויסנעמען פאַסיל ברענשטאף-געטריבענע באסעס

פון באנוץ און צו העלפן רעדוצירן טראנספארטאציע עמיסיעס מיט א קאנצענטראציע אויף שוואכערע קאמיוניטיס און נויטבאדערפטיגע סקול דיסטריקטס. סיי די פלענער און אנווייזונג ביכל ווייזן אן אויף קריטישע נקודות און באשלוסן וואס קומען ארויף ווען סקול דיסטריקטס און באס פירמעס באטראכטן צו נוצן עמיסיע-פרייע באסעס. אין צוגאב וועלן NYSERDA און די יוטיליטי פראָווײַדערס וועלכע דעקן די מערהייט פון די סטעיט'ס סקול דיסטריקטס צושטעלן טעכנישע הילף צו שטיצן סקול דיסטריקטס און פלאטע פירמעס צו פלאנירן פאר די אריבערגאנג.

אין פייערונג פון 'קלימאט וואך' לעצטע וואך, און כדי צו ווייטער פאראויס שטופן דאס אריבערפירן באס פלאטעס צו נוצן עלעקטריציטעט, האט [גאווערנער האקול אויך אנאנסירט אנגייענדע פארשריט אין די קאנסטרוקציע](#) פון 53 ערשט-קלאסיגע עלעקטרישע באס דאך טשארדזשערס ביי מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (Metropolitan Transportation Authority, MTA) גאראזשן אין מאנהעטן, קווינס, סטעטן איילענד און ברוקלין. די מאדערניזירטע עלעקטרישע אינפראסטרוקטור וועט שטיצן די MTA'ס וואקסנדע עמיסיע-פרייע באס פלאטע אריבער ניו יארק סיטי, רעדוצירנדיג קארבאן עמיסיעס, אדרעסירנדיג קלימאט טויש און דינענדיג אלס מוסטער פאר אנדערע באס פירמעס אין די מעטראפאלין ראיאן.

די היינטיגע אנאנס ערגענצט גאווערנער האקול'ס אנגייענדע אינוועסטירונגען אין ריינע טראנספארטאציע. ניו יארק אינוועסטירט מער פון 1 ביליאן דאלאר אין עמיסיע-פרייע קארן און טראָקס איבער די קומענדיגע פינף יאר און זי נעמט אן ריינע קארן און ריינע (zero emissions vehicle, ZEV) טראָקס רעגולאציעס וואס פארלאנגען אז 100 פראצענט פון פאסאנזשיר קארן און לייכטע טראָקס וואס ווערן פארקויפט זאלן זיין ZEV'ס ביז 2035. אקטיווע אינציאטיוון פאר קארן און לייכטע טראָקס רעכענען אריין צוריקצאלונגען פארן קויפן עמיסיע-פרייע קארן דורך די NYSERDA'ס ['דרייווט ריין צוריקצאלונג פראגראם'](#) (Drive Clean Rebate Program), גרענטס פאר עמיסיע-פרייע קארן און טשארדזשינג אינפראסטרוקטור דורך דעם ניו יארק סטעיט דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג'ס ['קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס לאקאלע רעגירונגען גרענט פראגראם'](#) ( Climate Smart Communities Municipal Grant Program) און אזוי אויך די ['EV Make Ready' (עלעקטראנישע קארן - מאכט גרייט)](#) [אינציאטיוו](#), ניו יארק פאווער אויטאריטעט'ס [EVolve NY](#) טשארדזשינג אינפראסטרוקטור פראגראם, NYSERDA'ס [טשארדזש גרייט (Charge Ready) 2.0](#) פאר 'לעוועל 2' טשארדזשינג אינפראסטרוקטור און די ניו יארק סטעיט טראנספארטאציע דעפארטמענט'ס [נאציאנאלע עלעקטראנישע קאר אינפראסטרוקטור (National Electric Vehicle Infrastructure, NEVI)](#) טשארדזשינג אינפראסטרוקטור פראגראם צו העלפן פארברייטערן באנוץ מיט עלעקטרישע קארן. אקטיווע אינציאטיוון פאר מיטלמעסיגע און שווערע טראָקס רעכענען אריין וואוטשערס צו קויפן עמיסיע-פרייע טראקס דורך דעם [ניו יארק טראק וואוטשער פראגראם (New York Truck Voucher Program, NYTVIP)](#) און דורך דעם ניו יארק סיטי ריינע טראקס פראגראם, די ["EV Make Ready"](#) אינציאטיוו צו העלפן פארברייטערן באנוץ מיט עלעקטרישע קארן, פלאטע אפשאצונג סערוויסעס און די 24 מיליאן דאלארדיגע עלעקטרישע טראק און באס פרייז טשעלענדזש אונטער די 85 מיליאן דאלאדיגער [ניו יארק ריינע טראנספארטאציע פרייזעס](#).

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מוסדר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו עררייכן איר ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכנענדיג אנצוקומען צו 70

פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א צענטראלע חלק פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע און עלעקטריציטעט דראטן פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסעיס פון געביידעס, 3.3 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע אינציאטיוון און איבער 2 ביליאן דאלאר אין ניו יארקע גרינע באנק פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 3,000 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און מער פון 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג אינציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן